# פרשת אחרי-קדושים ד׳ – י׳ אייר תשע״ז לפ״ק

***יום ראשון פרשת אחרי-קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל סיום משניות שנלמדה לע״נ הר״ר **ישעי׳ פאללאק** ע״ה (משמש נאמן בבית מדרשנו בוויליאמסבורג רבות בשנים), והתקיים בבית המדרש של התלמוד תורה. **רבינו שליט״א** נשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען צו א סעודה לעילוי נשמתו פון רבי ישעי׳ ע״ה, וואס ער איז אוועק פון די וועלט אזוי ווי ער האט געלעבט. זיין צוריקגעצויגנקייט, זיין איידלקייט, נישט ארויסצושטיין אין ערגעץ. עס האט זיך אזוי צוגעפירט אז ער איז אוועק (ערב פורים) אין א צייט וואס מען האט נישט געקענט געהעריג מספיד זיין, און ביי די שלשים האט מען נישט געקענט מאכן א געהעריגע סעודה, און מען איז נאך א הקמת המצבה וואס מען האט היינט געשטעלט.

**די** וואך גייען צוזאמען די צוויי פרשיות, אחרי מות און קדושים. די וועלט זאגט, אז בדרך כלל ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, דעמאלטס הייבט מען אן ארויפצולייגן אויף אים טיטלען, און מען רופט אים מיט זאכן וואס ביים לעבן פארדעם, האט מען עס נישט געהערט. אבער ׳אחרי מות׳, נאכדעם וואס מען שטארבט, ווערן זיי ׳קדושים׳. מען קוקט אין די צייטונגען, זעהט מען אז יעדער וואס גייט אוועק, ווערט באשריבן מיט אזויפיל מעשים טובים וואס ער האט געטון, אז עס גייט כמעט נישט אוועק פון די וועלט איינער וואס איז געווען א פשוטער יוד. אחרי מות קען מען אלעס שרייבן.

**אבער** דער ׳אחרי מות קדושים׳ האט א אנדערע כוונה אויך. עס שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז ווען עס זענען אוועק די צוויי קינדער פון אהרן נדב און אביהוא, וידום אהרן (ויקרא י-ג), האט אהרן געשוויגן. דער הייליגער **חתם סופר** (פ׳ שמיני יז.) זאגט א ווארט, און רבי יוסף נפתלי שטערן צייכנט צו אויף דעם ווארט, אז פאר דעם ווארט האט דער **חתם סופר** געשריבן א הספד אויף זיין רעבעצין וואס איז אוועק, און נאכדעם האט ער געשריבן דעם דבר תורה. על כל פנים די מחשבה פון די דבר תורה איז געווען ביים **חתם סופר** נאכדעם וואס זיין רעבעצין איז נסתלק געווארן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, מען געפונט ביי איוב, אז ער האט געזאגט (איוב א-כא), ה׳ נתן וה׳ לקח יהי שם ה׳ מבורך, בכל זאת לא חטא איוב ולא נתן תפלה לאלקים, איוב האט נישט גערעדט א ווארט אקעגן דעם אייבערשטען, ער האט זיך נישט מתרעם געווען. שרייבט דער הייליגער **חתם סופר**, אז עס שטייט אין **ילקוט שמעוני** (משלי לא), אז פאר רבי מאיר איז ל״ע אוועק צוויי קינדער, און רבי מאיר איז נישט געווען אינדערהיים, ער איז געווען אין בית המדרש, און זיין רעבעצין, וואס האט געהייסען ברוריה (ברכות י.), האט אים נישט געוואלט פארציילן וואס עס האט פאסירט, ווייל זי האט געוואלט אז ער זאל קודם עפעס עסן, און זיך דערכאפן דאס הארץ, האט זי אים גארנישט פארציילט. זי האט גענומען די קינדער, און צוגעדעקט מיט א דאכענע, און זי האט אים סערווירט א סעודה.

**נאך** די סעודה האט זי אים געפרעגט, ווען מען באקומט א פקדון פון איינעם, און יענער קומט אפנעמען דעם פקדון, דארף מען עס אים צוריקגעבן, צו נישט. האט ער געזאגט, אוודאי דארף מען עס צוריק געבן, אז מען האט באקומען א פקדון דארף מען עס צוריקגעבן. האט זי אים אריינגעפירט אין שטוב, און זי האט אים געוויזען אז די קינדער זענען אוועק, און זי האט אים געזאגט, מיר האבן געהאט א פקדון פונעם אייבערשטן, און דער באשעפער האט יעצט צוריקגענומען דעם פקדון. אזוי האט זי אים אריינגעפירט מיט א טרייסט אויף דעם אומגליק וואס האט פאסירט. ה נתן וה׳ לקח, דער אייבערשטער האט געגעבן דעם פקדון, און נאכדעם האט ער עס צוריקגענומען.

**גיט** צו דער הייליגער **חתם סופר** צו דעם, אז א מענטש בשעת ער באקומט דעם פקדון, שעצט ער עס נישט. עס איז נאטורליך. ווען הייבט אן א מענטש צו שעצן א זאך וואס ער האט געהאט, בשעת מען פארלירט עס, דערמאלטס הייבט מען אן ארויפצוקוקן אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט געטון, אז ער האט געהאט די טובה. ה' נתן וה' לקח, דער אייבערשטער גיט און דער אייבערשטער נעמט אוועק. ווען עס איז ה' לקח, ווען דער אייבערשטער נעמט צו וואס ער האט געגעבן, דעמאלטס קומט דער מענטש צום שכל, אז יהי שם ה' מבורך, דער אייבערשטער זאל זיין געלויבט אויף דעם וואס ער האט געגעבן. בשעת עס איז 'נתן' לויבט מען נישט, דעמאלטס נעמט ער עס פאר גרענטע"ט, עס קומט זיך אזוי, נאר ווען עס איז ה' לקח, ווען דער אייבערשטער נעמט עס צו, דעמאלטס דאנקט ער דעם אייבערשטן אויף די נתינה וואס מען האט אים געגעבן, יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם. - און אזוי איז געווען ביי איוב. ווען דער באשעפער האט עס פון אים צוגענומען, האט ער גדאנקט דעם אייבערשטן, אויף די טובה וואס ער האט געהאט, ביז דער אייבערשטער האט עס פון אים צוגענומען.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אמאל איז שווער פאר א מענטש אז ער זאל דעמאלטס דאנקען. ווייל אפשר בשעת ער וועט דאנקען, וועט ארויסקומען א פליטת פה אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט עס צוגענומען פון אים, האלט מען זיך אסאך מאל צוריק, אז מען דאנקט נישט דעמאלטס, כדי מען זאל נישט נתעורר ווערן אויף דעם ה' לקח, און האבן עפעס א תרעומות, אז מען האט עס נאכדעם צוגענומען. ביי איוב איז נישט אזוי געווען, איוב האט גדאנקט דעם אייבערשטן ה' נתן וה' לקח, ובכל זאת, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך געהיטן, און ער האט זיך געהאלטן זיין דיבור, ער האט זיך נישט מתרעם געווען אויפן באשעפער. און דאס איז זייער א געוואלדיגע מדריגה, אז בשעת דער באשעפער נעמט צו, זאל מען קענען דאנקען דעם אייבערשטן אויף די נתינה.

**ווען** משה רבינו האט געזאגט פאר אהרן, בקרובי אקדש (ויקרא י-ג), אז זיינע קינדער זענען גרעסער פון אהרן, וואלט ער דאך גדארפט דאנקן יעצט דעם אייבערשטן אויף די נתינה וואס דער באשעפער האט אים געגעבן אזעלכע חשובע קינדער, אבער וידום אהרן, אהרן האט מורא געהאט צו רעדן, אז עס זאל נישט אפשר אריינקומען א געוויסער גדאנק פון תרעומות פארוואס דער באשעפער האט עס פון אים צוגענומען.

**זעהט** מען, אז אסאך מאל, ווילאנג מען האט א זאך אין די האנט, שעצט מען עס נישט געהעריג, מען ווייסט נישט וואס מען האט, אבער בשעת מען פארלירט עס, און מען הייבט אן צוריק צוקוקן ווי אזוי מען האט זיך געפירט, דאס איידעלקייט, דאס ערליכקייט, די יראת שמים, און אזוי ווייטער, דעמאלטס הייבט מען אן צו פילן וואס מען האט געהאט פארדעם. און דעמאלטס דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן אויף די שיינע יארן וואס מען האט געהאט, וואס עס איז געווען ה' נתן, דער אייבערשטער האט עס געגעבן, ביז עס איז געקומען דער ה' לקח, אויף דעם דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן.

**אמאל** איז דא וואס בשעת מען לעבט שעצט מען נישט, נאר אחרי מות קדושים, נאך דעם אחרי מות, דעמאלטס קומט ארויס און מען זעהט די הייליגקייט וואס איז געווען פון פריער. בשעת מען לעבט, איז דער סדר אזוי, אלעס קומט נארמאל, אלעס קוקט אויס נאטורליך. יעדעס קינד, יעדער וואס האט אים געקענט, הייבט אן צוריק צוקוקן אויף וואס מען האט געהאט, ווי אזוי מען האט זיך געפירט, ווי אזוי די יראת ה' איז געווען נסוכה על פניו, מען האט זיך נישט געבייזערט, און אלץ געווען א שייף עייל ושייף נפיק, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, נאכן אחרי מות קומט ארויס די קדושים.

**און** רש"י זאגט אויף קדושים תהיו, פרשה זו בהקהל נאמרה, די פרשה האט ער צוזאמגערופן יעדן איינעם, און ער האט זיי געזאגט קדושים תהיו. עס איז זייער גרינג צו זיין א קדוש, איידל און פיין, מיט פרישות, בשעת א מענטש האט נישט צוטון מיט קיינעם. ער זיצט אין זיינע ד' אמות, ער גייט ארויס צופרי צו די ארבעט, און ער קומט אהיים, און

ער האט נישט צוטון מיט מענטשען, איז נישט אזוי שווער צו זיין אויסגעארבעט און אויסגעאיידלט, אבער אז מען האט צוטון מיט א ציבור, און מען דארף פאר יעדן געפעלן, און מען דארף פון יעדן הערן קריטיק, און מען דארף פון יעדן קענען מקבל זיין, און אפילו הכי זאל מען זיך פירן קדושים, דאס איז א געוואלדיגע מדריגה. די חשיבות פון קדושים תהיו, איז נישט ווען מען איז אפגעזונדערט פאר זיך, קדושים תהיו איז א חשיבות ווען עס איז בהקהל נאמרה, ווען א מענטש האט צוטון מיט א ציבור, און פון דעסטוועגן דאך קען ער זיך היטן, און וויסן ווי אזוי מען דארף זיך אויפצופירן, און גיין אויפן ריכטיגען וועג, דאס איז די אמת'דיגע חשיבות פון קדושים תהיו.

**ביי** רבי ישעי' ע"ה האט עס יעדער איינער געזען, ער איז געווען ארומגענומען מיט א ציבור, און מיט נישט א גרינגן ציבור אויך, און וואס ער האט געדארפט אלץ אדורכגיין, און מיט גיין, פאר יעדן געפעלן, און יעדן איינעם קענען אויסהערן וואס ער האט צו זאגן, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך געפירט מיט אזא דערהויבענקייט, ער האט נישט צוריק געענטפערט אויף יעדע זאך, און ער האט געטון וואס מען האט געדארפט צו טון, וואס מען האט געפילט פאר ריכטיג צו טון, דאס איז דער קדושים תהיו וואס איז בהקהל נאמרה, וואס איז געזאגט געווארן בהקהל.

**איך** פלעג אים אסאך מאל צו זאגן, אז דער אייבערשטער באצאלט אים, ער האט אים געגעבן אזא שטוב, וואס נישט יעדער איינער איז זוכה צו האבן. אויפגעשטעלט שיינע שטובער פון תלמידי חכמים איינס ביי איינס, קינדער און אייניקלעך, וואס איז באמת א פראכט און א שטאלץ איבערצולאזן. די בני בית איז אים אויך אזויפיל געשטאנען צו הילף, כדי מען זאל קענען צוקומען צו דעם. און אויך אין די שפעטערע צייטן בשעת מען האט געדארפט אדורכגיין שווערע זמנים, איז זי געשטאנען צו הילף אין אלעם וואס האט אויסגעפעלט. און באמת איז געווען די לעצטע פאר יאר וואס ער איז אנגעגאנגען בדרך נס, און ער האט נישט פארפעלט צו קומען אין שול יעדעס מאל וואס ער האט געהאט כח.

**אז** דער אייבערשטער העלפט ב"ה, אז מען לאזט איבער אזעלכע קינדער, דאס איז דער וועג וואס טוט אים ווייטער פירן. אויף משה רבינו זאגט די גמרא (סוטה יג:) משה לא מת, אזוי ווי דא איז ער געווען עומד ומשמש, איז ער ווייטער אויך עומד ומשמש. אז מען האט קינדער וואס גייען בדרכי התורה, זיי פירן זיך אויף דעם ריכטיגן וועג, לאזט מען איבער א מליץ יושר, און מען שטייגט אלץ העכער און העכער פון די מצות און מעשים טובים וואס די משפחה טוט, און מען קען זיין מער א מליץ יושר פאר די אלע וואס זענען דא. - דער אייבערשטער זאל געבן, אז די נשמה זאל האבן א עליה, און זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, און מיר זאלן קענען הערן שטענדיג גוטע בשורות איינער ביים צווייטן, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם צו ויקוצו וירננו כל שוכני עפר, און אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בציעת הפת סימן קס"ו סעיף א') בבית מדרשנו. **אחר השיעור השמיע רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון נגעים. עס איז דא דריי ערליי נגעים, נגעי אדם, נגעי בגדים, און נגעי בתים. אין מדרש (ויק"ר יז-ד) שטייט, אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה, ווען דער אייבערשטער שטראפט, הייבט ער נישט אן מיטן נפש, נאר ער ברענגט קודם א נגע אינעם בית, און אויב מען כאפט זיך נישט תשובה צו טון, קומט נאכדעם א נגע וואס איז נאנטער צום מענטש, אויף זיין בגד. און אויב ער טוט נאך אלץ נישט קיין תשובה, דעמאלטס קומט דער נגע אויפן גוף פונעם מענטש. און די מפרשים פרעגן, אויב אזוי, וואלט די תורה געדארפט אנהייבן מיט נגעי בתים, און נאכדעם נגעי בגדים, און נאכדעם נגעי אדם. און אין חומש שטייט פארקערט, ער הייבט אן מיט נגעי אדם, און נאכדעם זאגט ער נגעי בגדים, און צום סוף נגעי בתים.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, מען שטעלט זיך א קשיא, אז מען זעהט ביי דעם דור המבול, האט דער אייבערשטער אומגעברענגט די גאנצע וועלט, קץ כל בשר בא לפני, כי מלאה הארץ חמס מפניהם (בראשית ו-יג). פארוואס האט דער אייבערשטער נישט געשטראפט קודם זייער געלט, און נאכדעם זייערע הייזער, און נאכדעם די בגדים, און אז עס וועט נישט ארבעטן, דעמאלטס וועט דער אייבערשטער ברענגען א מבול. פארוואס האט דער אייבערשטער גלייך געברענגט א מבול אויף די וועלט, און ער האט נישט אויסגעוואַרט צו געבן א אנדערן וועג פארדעם. און רש"י זאגט, לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל. עס איז געווען אסאך הארבערע עבירות פון גזל, עס איז געווען כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ, עריות איז א הארבערע עבירה פון גזל, פארוואס איז נישט געקומען קיין מבול נאר אויף דעם וואס כי מלאה הארץ חמס מפניהם.

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות י.), אז ווען חזקיהו המלך איז קראנק געווארן, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר ישעיהו הנביא אז ער זאל אים זאגן, כי מת אתה ולא תחיה (מלכים ב כ-ב), דו גייסט פארלירן ביידע וועלטן, כי מת אתה בעולם הזה, דו וועסט שטארבן אויף די וועלט, ולא תחיה לעולם הבא, און די וועסט אויך נישט האבן עולם הבא. האט אים חזקיהו געפרעגט, מאי כולי האי. מילא כי מת אתה קען איך נאך פארשטיין, ווייל כי אדם אין צדיק בארץ, און אז איך האב געזינדיגט, קומט מיתה. אבער פארלירן עולם הבא איז זייער א גרויסער עונש. האט אים ישעיהו געזאגט, ווייל דו דו האסט נישט חתונה געהאט, דו האסט נישט עוסק געווען בפריה ורביה. האט זיך חזקיהו פארענטפערט, ווייל איך האב געזען אז איך וועל האבן קינדער וואס וועלן נישט זיין ערליך. חזקיהו המלך איז געווען א גרויסער צדיק, און ער האט נישט געוואלט חתונה האבן, און האבן אזעלכע קינדער. האט אים ישעיהו געזאגט, דו ביסט נישט גערעכט, בהדי כבשי דרחמנא למה לך, דו האסט זיך נישט וואס צו מישן אינעם רבונו של עולם'ס חשבונות, וואס מען האט דיר געהייסען טון, דאס דארפסטו טון. האט אים חזקיהו געפאלגט.

**דער ישמח משה** (ריש פ' אחרי) שטעלט זיך, ווען חזקיהו האט געפרעגט, פארוואס עס קומט זיך אים אזא גרויסע עונש, האט אים ישעיהו געזאגט, ווייל דו האסט נישט עוסק געווען בפריה ורביה. מיט דעם איז עס שוין פארענטפערט? ווען א מענטש איז מבטל א מצות עשה אין די תורה פון פריה ורביה, פארלירט מען ביידע וועלטן? אויף הארבערע עבירות זאגט מען נישט אזא עונש, אז ער וועט פארלירן ביידע וועלטן. וואס האט ער אים פארענטפערט מיט דעם, אז ער האט נישט עוסק געווען בפריה ורביה.

**זאגט** דער הייליגער **ישמח משה**, אז רש"י (בראשית א-א) ברענגט צו, אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער עס קודם געוואלט באשאפן מיט מדת הדין, און ווען ער האט געזען שאין העולם מתקיים, אז די וועלט האט נישט קיין קיום, האט דער אייבערשטער משתף געווען די מדת הרחמים (ב"ר יב-טו). קומט אויס אז דער טעם פארוואס דער אייבערשטער פירט זיך מיט די וועלט מיט מדות הרחמים איז, ווייל אז נישט האט די וועלט נישט קיין קיום. זאגט דער **ישמח משה**, דאס איז ווען איינער טוט פאר קיום העולם, פאר אים איז חשוב קיום העולם, פירט זיך דער אייבערשטער מיט די זעלבע מדה, און ער שטראפט אים נאר מיט מדת הרחמים, ווייל מיט מדת הדין וועט זיך די וועלט נישט האלטן. אבער איינער וואס עס אינטערעסירט אים נישט קיום העולם, ער גייט זיך זיין וועג, און עס אינטערעסירט אים נישט צו די וועלט וועט האבן א קיום, צו נישט, פירט זיך דער אייבערשטער אויך מיט אים, מיט די זעלבע מדה, און ער שטראפט אים מיט א מדת הדין, און ער שטראפט אים נישט מיט מדת הרחמים, ווייל אז דו ביסט נישט חס אויף קיום העולם, איז דער אייבערשטער אויך נישט חס ווען עס איז נוגע צו דיר אויף קיום העולם.

**פריה** ורביה דאס איז קיום העולם, אן דעם איז נישט דא קיין וועלט. אז דו ביסט נישט עוסק אין פריה ורביה, קומט אויס אז דו טוסט גארנישט פאר קיום העולם. און אז דו טוסט נישט פאר קיום העולם, פירט זיך דער אייבערשטער אויך נישט מיט דיר מיט מדת הרחמים, ווייל מדת הרחמים

איז נאר פאר קיום העולם, און אז ער פירט זיך מיט מדת הדין, איז כי מת אתה ולא תחיה, מיט מדת הדין פארלירט מען אלעס. דו פרעגסט מיך, פארוואס עס קומט זיך אזא גרויסער עונש כי מת אתה ולא תחיה, דאס איז ווייל דו האסט נישט עוסק געווען אין פריה ורביה, דו האסט נישט געטון פאר קיום העולם, און וועגן דעם פירט מען זיך מיט דיר מיט מדת הדין.

**קומט** אויס, אז ווען א מענטש פירט זיך מענטשליך פון קיום העולם, פירט זיך דער אייבערשטער אויך מיט אים מיטן מדת הרחמים, כדי די וועלט זאל האבן א קיום. ווען פאר א מענטש אינטערעסירט נישט קיום העולם, פירט מען זיך אויך מיט אים מיט מדת הדין. די גמרא (שבת קנא.) זאגט, כל המרחם על הבריות, ווען א מענטש האט רחמנות אויף אנדערע, מרחמין עליו מן השמים, האט מען פון הימל אויך רחמנות אויף אים. ונתן לך רחמים, אז דו וועסט האבן רחמים, ורחמך (דברים יג-יח), וועט דער אייבערשטער אויף דיר רחמנות האבן. ווען א מענטש האט רחמנות אויף יענעם, טוט ער פאר קיום העולם, און אז דו טוסט פאר קיום העולם, טוט זיך דער אייבערשטער אויך נוהג זיין מיט דיר מיט מדת הרחמים, ווייל דאס איז קיום העולם.

**ווען** עס איז געקומען צום דור המבול, און עס איז זיי געקומען א עונש, כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ, קען דער אייבערשטער טון דעם עונש מיט א מדת הדין, ווי ער האט עס טאקע געטון, ער האט געברענגט א מבול, און ער קען זיי שטראפן מיט א מדת הרחמים. אבער אז עס איז געווען כי מלאה הארץ חמס מפניהם, אז מען לעבט מיט גזילה, און גזילה איז דאך קעגן קיום העולם, די וועלט קען זיך נישט האלטן ווען מענטשן נעמען צו איינער ביים צווייטן. אז זיי האבן געטון א זאך וואס איז היפך פון קיום העולם, האט זיך דער אייבערשטער אויך געפירט מיט זיי מיט מדת הדין. לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל, דאס וואס דער גזר דין איז אזוי שנעל געקומען, און עס איז נישט געגאנגען קודם מיט בתים און בגדים, און נאכדעם אדם, איז געווען ווייל עס איז געווען גזל, און אז מען האט זיך געפירט אן קיום העולם, האט דער אייבערשטער אויך נישט געקוקט אויף קיום העולם.

**געוועגליך** וואלט געדארפט צו זיין דער סדר, אז דער אייבערשטער זאל זיי שטראפן קודם מיט זייער פארמעגן, אבער קץ כל בשר בא לפני, דער אייבערשטער האט אנגעהויבן יעצט מיט די זאך וואס געוועגליך טוט ער צום סוף, געוועגליך שטראפט מען דעם אדם די לעצטע, אבער קץ כל בשר בא לפני, דער אייבערשטער האט מקדים געווען יעצט וואס געוועגליך טוט ער ביים קץ. וועסטו פרעגן פארוואס, ווייל כי מלאה הארץ חמס, און אז עטץ קוקטס נישט אויף קיום העולם, האט דער אייבערשטער אויך נישט געקוקט אויף קיום העולם.

**רש"י** (ויקרא א-ב) זאגט, אדם כי יקריב מכם קרבן, אזוי ווי אדם הראשון האט נישט מקריב געווען פון גזל, ווייל אלעס איז געווען זיינס, אזוי אויך ווען מען ברענגט א קרבן דארף עס זיין אייגענס, און נישט זיין פון גזל. געוועגליך ווען דער אייבערשטער שטראפט מיט נגעים, גייט די סדר בתים, בגדים, און נאכדעם קומט דער אדם. אבער דאס איז נאר ווען א מענטש גיט אכט, און ער רירט נישט צו, צו יענעמס געלט. אבער אויב ער גזל'ט, ער האט נישט אין זיך די מדה פון אדם, ער נעמט צו ביי יענעם, טוט ער דאך נישט פאר קיום העולם, און אז דו טוסט נישט פאר קיום העולם, קומט דער נגע גלייך אינעם מענטש אליין.

**אדם** כי יהיה בעור בשרו נגע, ווען א מענטש האט א נגע אינעם 'אדם', אין די מדה פון אדם, אז מען דארף אכט געבן פון גזילה, דארט האט ער א נגע, דעמאלטס והובא אל הכהן, ברענגט מען אים תיכף צום כהן, און עס איז נישט דא דער וועג אז מען זאל קודם אנהייבן מיט זיין פארמעגן, און נאכדעם צוקומען צו אים, ווייל אז דו טוסט נישט פאר קיום העולם, טוט דער בעל הרחמים זיך אויך נישט פירן מיט מדת החסד. אבער ווען א מענטש טוט חסד, ער טוט פאר אנדערע, אז ער טוט פאר קיום העולם, פירט זיך דער אייבערשטער אויך מיט אים מיטן מדת החסד, וואס איז קיום העולם.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בן הר"ר **אייזיק מעזעי** הי"ו,

עב"ג בת הר"ר **משה קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

*

***יום שני פרשת אחרי-קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **ישראל חיים שפארן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אהרן בלומענפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

*

***יום שלישי פרשת אחרי-קדושים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אליעזר ברוך פריעד** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, דער אייבערשטער זאגט, ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי (ויקרא כ-כו), איך וועל ענק אפשיידן פון די פעלקער, עטץ זאלטס געהערן צו מיר.

**דער חתם סופר** (בדרשות חתם סופר צו.) ברענגט צו א פסיקתא (רבתי יא), אז דער ל' איז דער העכסטער אות וואס איז דא אין די אלף בית, און דער י' איז דער קלענסטער אות וואס איז דא אין די אלף בית. זאגט דער פסיקתא, אז דער ל' ווייזט אויפן רבונו של עולם, וואס ולגדולתו אין חקר (תהלים קמה-ג), דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען האט נישט קיין שיעור. אז מען וויל זאגן די גרעסטע מאס אין די גרויסקייט פון די אלף בית, איז עס א ל'. און יודען זענען כי אתם המעט מכל העמים (דברים ז-ז), יודען זענען אין די בחינה פון א י'. 'ואבדיל אתכם מן העמים', דער אייבערשטער האט אונז אפגעשיידט פון די פעלקער, 'להיות לי', אז צוזאמען זאלן מיר זיין 'לי'. איך וועל זיין די ל', און עטץ וועטס זיין דער י'.

**עס** קען אפשר זיין אז עס ליגט דערין נאך א ענין. מען ווייסט אז יודישע קינדער ווערן אנגערופן א 'יוד'. דער מקור דערפון איז דער פסוק (אסתר ב-ה), וואס זאגט, איש יהודי היה בשושן הבירה. און ווי רש"י זאגט דארט, ווייל מען איז געגאנגען אין גלות צוזאמען מיט די מלכי יהודה, און ווען א גוי האט געזען איינער וואס איז געקומען אין גלות פון ארץ יהודה, האט ער אים גערופן יהודי, ער באלאנגט צו יהודה. און וועגן דעם זענען יודען געבליבן מיט דעם נאמען יהודי, ווייל מיר שטאמען פון ארץ יהודה, פון ירושלים עיר הקודש.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א ענין. מען ווייסט אז די עיקר חשיבות פון עבודת ה' איז לימוד התורה, זיצן און לערנען. דארט הייבט זיך עס אן, און דארט ענדיגט זיך עס. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), עס איז נישט דא קיין תבלין אקעגן דעם יצר הרע, נאר לימוד התורה. דער ל' דאס ווייזט אויף לימוד, לערנען. די ערשטע וועג פון ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי, אז מען זאל געהערן צום אייבערשטען, הייבט זיך עס אן מיט א אות ל', לימוד תורה. ווען מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, דעמאלטס קען מען זיין אפגעזונדערט פון די פעלקער, און דער יצר הרע האט נישט קיין כח שולט צו זיין אויפן מענטש, און מען קען זיך פירן ערליך.

**תורה** אליין איז אבער נישט גענוג. די גמרא (עבודה זרה יז:) זאגט, כל מי שיש בו תורה ואין בו גמילות חסדים, איינער וואס האט נאר תורה, אבער אין זיינע מעשים איז נישט דא קיין חסד, דומה כמי שאין לו אלו-ה, איז ער דומה אזוי ווי ער האט נישט קיין ג-ט. די וועלט שטייט אויף תורה און עבודה און גמילות חסדים, עס איז נישט גענוג איינס אליין, ווען איינער וועט זאגן איך בין נאר עוסק אין תורה, און גמילות חסדים באלאנגט

ניִשט פאר מיר. אדער ווען איינער וועט זאגן, איך בין א בעל צדקה, איך בין א בעל חסד, אבער איך בין פטור וועגן דעם פון לימוד התורה, איז ער דומה אזוי ווי ער האט נישט קיין ג-ט. עס דארף זיין ביידע, תורה מיט גמילות חסדים אינאיינעם.

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת קד.), אז די אותיות פון א' ב' איז א רמז אויף תורה. אלף בינה, לערנען תורה. ג' ד' דאס איז גמול דלים, דאס ווייזט אויף חסד. די ערשטע פיר אותיות פון די א' ב', דאס ווייזט אויף לימוד התורה, און אויף חסד, גמול דלים. א' ב' ג' ד' איז צוזאמען די מספר פון י'. און דאס איז א יו"ד. א יוד איז, ווען ער האט א' ב' ג' ד', ער איז עוסק אין תורה, און אין די אנדערע צייטן איז ער עוסק אין טון חסד, דאס איז די קדושה פון א יודיש קינד. ווייל אז נישט, איז ער דומה כמי שאין לו אלו-ה. די חיבור פון ל"י, די חיבור פון א יוד מיטן אייבערשטען איז נאר ווען עס איז דא ביידע. עס איז דא תורה מיט גמילות חסדים. דאס איז דער ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי, ווען יודישע קינדער ווערן אנגערופן יודען, ווייל מיר זענען עוסק סיי אין תורה און גמילות חסדים, און אז מען איז עוסק אין ביידע, איז דומה כמי שיש לו אלו-ה.

**דער** חשוב'ער בר מצוה בחור ווערט נתחנך אין אזא חשוב'ע שטוב, א שטוב וואס איוסער תורה איז עס אויך מלא חסד. חסד פאר די שטוב אליין, און חסד פאר נאנטע, און וואס מען טוט פאר אזויפיל תינוקות של בית רבן, סיי די תלמוד תורה ביי אונז, און סיי די מיידל שולע, און סיי די ישיבה, אין אלעם איז ער נושא בעול. און עס קומט נישט אן גרינג, עס איז מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, מען דארף אוועקגעבן די גאנצע קאפ, מען איז שטענדיג פארנומען מיט וואס מען קען מרבה זיין די גבולי הקדושה. איז אוודאי דא צו האפן, אז דער אייבערשטער וועט געבן אז דער קינד וואס ווערט נתחנך אין אזא שטוב, וואס ער זעהט שטענדיג ווי מען גיט זיך אוועק פאר תורה, וואס דאס האט א געוואלדיגע ווירקונג אויף די קינדער, אז זיי זאלן אויך נתחנך ווערן אויף דעם וועג. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל זעהן אסאך שמחות און נחת ביי דעם בר מצוה בחור און ביי אלע קינדער, און די זיידעס און עלטער זיידעס זאלן זעהן שמחות און נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מענדל מארטאן** הי"ו, שהתקיים באולם בעלזא (45 סט.). **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הדינער של המוסד 'רופא חולים', שהתקיים באולם עטרת אברהם.

*

***יום רביעי פרשת אחרי-קדושים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **שלום משה** נ"י בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורון דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נכנסו חברי הנהלת כולל שומרי החומות להזמין את **רבינו שליט"א** למסיבת הדינער לטובת הכולל, שיתקיים בשבוע הבעל"ט.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב רובין** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, איש אמו ואביו תיראו, ואת שבתותי תשמרו, אני ה' אלקיכם (ויקרא יט-ג). די תורה האט צוזאמגעשטעלט צוויי מצות, איש אמו ואביו תיראו, א יוד דארף האבן יראה

פאר די עלטערן, ואת שבתותי תשמרו, און מען דארף היטן שבת, אני ה' אלקיכם. די מפרשים שטעלן זיך, אלע מצות התורה וואס די תורה שטעלט צוזאם, האט אלעס א חשבון און א קשר איינס צום אנדערן. ווי קומט אהער די מצוה פון יראת אביו ואמו, צוזאמען מיט די מצוה פון שבת.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. דער **רמב"ן** (ויקרא כ-ט) זאגט, אז די טעם פארוואס די תורה האט מחייב געווען מורא צו האבן פון די עלטערן איז, ווייל אזוי ווי יעדער מענטש האט אין זיך דריי שותפים, הקב"ה אביו ואמו (נדה לא.), קומט זיך אז מען זאל מכבד זיין עלטערן וואס האבן אים געברענגט אויף די וועלט, אזוי ווי מען דארף מורא האבן פונעם אייבערשטען.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו מז.) שרייבט, אז מען קען זיך דינגען אויף דעם טעם. ווען דאס וואלט געשטאנען ביי א גוי, וואס די גאנצע תכלית פון זיין לעבן איז נאר נאכצוגיין נאך תאות העולם הזה, און די עלטערן האבן אים צוגעברענגט דערצו, איז א מצוה שכלי אז מען זאל זיי מכבד זיין. איינער וואס האט דיר געברענגט אזויפיל תענוג אויף דעם עולם הזה, קומט זיך אז דו זאלסט אים שעצן. אבער ביי א יוד וואס איז נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא (עירובין יג:), עס וואלט אים חשוב'ער געווען ווען ער וואלט אינגאנצן נישט באשאפן געווארן, איז די מצוה פון כיבוד אב נישט קיין מצוה שכלי, עס איז נישט קיין שכל'דיגע מצוה אז מען זאל מכבד זיין עלטערן, אדרבה ער קען האבן תרעומות אויף די עלטערן. און פון דעסטוועגן דאך האט די תורה געהייסן, אז מען איז מחויב מכבד צו זיין עלטערן, איש אמו ואביו תיראו.

**תוספות** (עירובין שם) זאגט, אז דאס וואס מען זאגט נוח לו לאדם שלא נברא, איז נאר געזאגט געווארן ביי א פשוט'ען יוד, אבער א צדיק וואס איז געקומען אויף די וועלט, איז אשריו, עס איז נוח פאר אים אז ער איז געבוירן, און תוספות גיט צו אז עס איז נישט נאר אשריו, ער איז גליקליך, נאר אשרי דורו, זיין דור איז אויך גליקליך, אז עס איז געבוירן געווארן א צדיק. - מילא ער איז גליקליך אז דער אייבערשטער האט אים געברענגט אויף די וועלט, ער איז דאך א צדיק, ער איז אויסגעוואקסן אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוואלט, אבער פארוואס איז אויך אשרי פאר דעם דור וואס זענען נישט קיין צדיקים, אז דער צדיק איז געבוירן געווארן.

**נאר** דער פשט איז, ווייל דורכדעם וואס דער צדיק קען דאך נישט עקזיסטירן אויף די וועלט, נאר אויב עס איז דא איינער וואס איז מחזיק דעם צדיק. איינער וואס העלפט אים, אז ער זאל צוקומען צו זיין מעלה. יעדער יששכר דארף האבן א זבולון וואס זאל אים צוהעלפן. און אז ער האט א שייכות, ער איז מחזיק דעם צדיק, איז נישט נאר אשרי פאר דעם צדיק אז ער איז געבוירן געווארן, נאר אשרי לדורו, דער דור וואס טוט מחזק זיין דעם צדיק, איז פאר אים אויך א נייחא, אז ער איז געבוירן, ווייל ער העלפט דאך צו, אז עס זאל זיין א צדיק אויף די וועלט, וואס דער אייבערשטער האט אים וועגן דעם באשאפן.

**קומט** אויס, אז ווען מען לעבט צוזאמען מיט צדיקים, און מען איז מחזיק ערליכע יודן, אז תורה זאל ווייטער בליען, איז נוח לו לאדם שנברא, עס איז א נייחא אז ער איז געבוירן געווארן, ווייל א צדיק איז דאך אשרי לו ולדורו. - א תלמיד חכם ווערט אנגערופן אין די בחינה פון שבת. שבת טוט מען נישט קיין מלאכה, און דער תלמיד חכם איז דאך עוסק בתורה און ער איז אויך נישט עוסק אין עולם הזה. - האט די תורה צוזאמגעשטעלט איש אמו ואביו תיראו, עס איז א מצוה אז מען דארף מכבד זיין עלטערן, פארוואס, ווייל די עלטערן האבן דיר געברענגט אויף דעם עולם. וועסטו פרעגן עס איז דאך נח לו לאדם שלא נברא, וואס איז די חשיבות אז מען דארף מכבד זיין עלטערן. זאגט מען אבער, ואת שבתותי תשמרו, מען זאל אפהיטן די תלמידי חכמים וואס זענען אזוי ווי די בחינה פון שבת, און ביי א צדיק איז נישט נאר אשרי לו, אז ער איז געבוירן געווארן, נאר עס איז אויך אשרי לדורו. דורך ואת שבתותי תשמרו, דורך דעם קען מען צוקומען דערצו, אז מען זאל קענען מקיים זיין דעם איש אמו ואביו תיראו.

*

***יום חמישי פרשת אחרי-קדושים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יעקב רובין** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת פרשת אחרי-קדושים***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יהושע אשר יאקאב** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** וואונטשט אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. די מפרשים זאגן שוין על פי דרכם, פארוואס מען האט ארויסגענומען די מצוה פון ברית מילה, עס איז טייטש, אז עס איז דא עפעס א נקודה ביי א ברית מילה, וואס מיט די נקודה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (ויקרא טז-א), אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו, ויאמר ה' אל משה, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל זאגן פאר אהרן הכהן, ואל יבא בכל עת אל הקודש. נדב ואביהוא זענען געשטארבן בקרבתם לפני ה', זיי זענען געגאנגען וואו מען האט נישט געדארפט, האט משה רבינו אנגעזאגט פאר אהרן, שלא ימות כדרך שמת פלוני (רש"י). אויף ויאמר ה' אל משה, איז די נגינה קדמא ואזלא רביעי.

**אין** מדרש (ויק"ר כ-י) געפונט מען פארשידענע טעמים פארוואס נדב ואביהוא זענען געשטארבן.

דער ערשטע חטא וואס זיי האבן געהאט האט זיך אנגעהויבן ביי מתן תורה, זיי זענען ארויפגעגאנגען און זיי האבן געזען די שכינה, און ויסתכלו והציצו שלא בדרך כבוד, האבן זיי געהאט א עונש דערויף, אז זיי זענען נתחייב געווארן מיתה תיכף. אבער דער אייבערשטער האט נישט געוואלט פארשטערן מתן תורה, האט עס דער אייבערשטער אפגעשטיפט אויף שפעטער. שפעטער ווען אהרן האט חוטא געווען מיטן חטא העגל, איז געווען דער עונש אויף אהרן להשמידו (דברים ט-כ), כילוי בנים (רש"י שם), איז געקומען משה און ער האט מתפלל געווען, און תפלתו עושה מחצה, נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן, אבער אלעזר ואיתמר זענען געבליבן. דאס איז געווען דער צווייטער פגם ביי נדב ואביהוא וואס זיי האבן געדארפט נסתלק ווערן בחטאו פון אהרן. די דריטע איז געווען בקרבתם לפני ה', זיי האבן אריינגעברענגט אין בית המקדש אש זרה (י-א), און די פערטע איז געווען א געוואלדיגע מדריגה, בקרובי אקדש, דער אייבערשטער האט געזאגט, עס וועט נתקדש ווערן דער בית המקדש במיודעיו של מקום, עס וועט נסתלק ווערן דער גרעסטער פון יודען, און מיט דעם וועט נתקדש ווערן דער בית. קומט אויס אז דאס וואס די שני בני אהרן זענען געשטארבן, מונח רביעי, איז געווען פיר סיבות פארוואס זיי זענען געשטארבן. עס האט זיך אנגעהויבן ביי מתן תורה, נאכדעם איז געווען דער חטא העגל, נאכדעם בהקריבם אש זרה, און נאכדעם דער בקרובי אקדש.

**די** נקודה דערפון איז, יעדער ווייסט אז מען טאר נישט מגרע זיין פון די מצות פונעם אייבערשטען, אויף א זאך וואס דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען טאר נישט טון, אבער עס דאכט זיך אסאך מאל, מעלין בקודש ולא מורידין (ברכות כח.), טון מער פון וויפיל מען דארף, איז אוודאי חשוב. אמאל איז דא גבולות אויך, גבולות חלק הקב"ה בעולמו, עס איז דא עבודות וואס געהערט פאר א כהן, און נישט פאר א ישראל, און אזוי ווייטער. און א כהן אליין האט געוויסע הגבלות וואס ער מעג און וואס ער דארף נישט טון, און דאס זעלבע איז געווען ביי נדב ואביהוא, נדב ואביהוא האבן געהאט א חשק, בקרבתם לפני ה',

זיי ווילן גיין מער, זיי ווילן אריינגיין ווייטער פון וויפיל מען האט זיי געגעבן רשות, אבער דער אייבערשטער האט נישט געלאזט גיין ווייטער. אהרן הכהן קען האבן א תשוקה אריינצוגיין אין קדשי הקדשים מערערע מאל אין יאר, זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען אין אזא הויכע פלאץ, אין אזא הויכע מקום, אבער ואל יבא בכל עת אל הקודש, עס איז דא גבולות חלק הקב"ה בעולמו, א מענטש דארף טון וואס מען האט אים מצווה געווען, און נישט טון ווייניגער, און אויך נישט מער, נישט ארויסגיין פונעם גבול וואס מען האט אים מצווה געווען.

**ברית** מילה איז א מצוה וואס דער טאטע איז מכניס זיין קינד בבריתו של אברהם אינעם אכטן טאג. אבער ער מוזווארטן ביזן אכטן טאג. ווען ער וועט וועלן האבן א תשוקה מכניס צו זיין זיין קינד פריער, ביים זיבעטן טאג, ביים זעקסטן טאג, דעם ערשטען טאג ווען ער איז געבוירן, קען ער אים נישט מכניס זיין. אפילו ער וועט מאכן א ברית, דארף ער שפעטער מטיף זיין דם ברית, עס איז נישטא קיין מילה פאר שמונה. עס איז טייטש אז א יעדע זאך וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען איז דא דערויף גבולות. און אפילו מען וויל עס מקדים זיין אלץ די חשיבות פון די מצוה, קען מען אויך נישט. דו האסט גארנישט אויפגעטון מיט די ברית וואס דו האסט געמל'ט פארדעם.

**כשם** שנכנס לברית, אזוי ווי ביי א ברית מילה זעהט מען, אז עס איז דא זמנים אויף יעדע זאך, און עס איז דא גבולות ווי אזוי דער אייבערשטער האט איינגעטיילט די מצוה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי זאל ער וויסען, אז ביי אלע מצות וואס מען דארף טון, דארף מען טון דעם רצון ה'. אז דער אייבערשטער הייסט מען זאל טון, דארף מען טון, און אז דער אייבערשטער הייסט מען זאל נישט טון זאל מען נישט טון. עס איז נישט דא קיין מחשבות און תשוקות און שאיפות, ער וויל גיין מער פון וויפיל מען האט אים מגביל געווען. כשם שנכנס לברית, מען גייט אריין בשמיני, און מען קען דאס נישט מקדים זיין פריער, אפילו מען האט א תשוקה מל צו זיין א קינד פארדעם, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.